Publié par l'Association
pour l'Étude et la
Diffusion de la Culture
Yiddish et la Bibliothèque
Medem avec le concours
de la Direction Générale
à la Langue Française
et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פֿעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-לימוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

**יאָר 7, נומער 1 (31)**

**חשוון תשס״ב/נאָוועמבער 2001**

## באָמבעס...

די טרויעריקע געשעענישן פֿון די לעצטע חדשים[1] רופֿן אַרויס יעדן טאָג אַ ים[2] מיט רעאַקציעס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע. אַנשטאָט צו שרײַבן נאָך אַ פּאָליטישן קאָמענטאַר, האָבן מיר אויסגעקליבן אַ ליד פֿונעם ישׂראלדיקן[3] פּאָעט יהודה עמיחי[4], וואָס זעט אונדז אויס גוט צוגעפּאַסט צו דער סיטואַציע.

◀ 1. khadoshim mois/months 2. yam mer *ici* un grand nombre/sea *here* a great many 3. yisroeldikn israélien/Israeli 4. Yehude Amikhay.

### דער דיאַמעטער פֿון דער באָמבע

דער דיאַמעטער פֿון דער באָמבע – דרײַסיק צענטימעטער
און דער דיאַמעטער פֿון אויפֿגעריסענעם שטח[1] – אַ זיבן מעטער
און אין אים – פֿיר טויטע און עלף פֿאַרוווּנדיקטע.
און אַרום אָט־די, אין אַן אומקרײַז[2] – אַ גרעסערן –
פֿון ווייטיק און צײַט : צוויי שפּיטעלער[3]
און איין בית־עולם[4]. אָבער די פֿרוי,
די יונגע, באַגראָבן דאָרט פֿון וואַנען זי
שטאַמט, אַ מרחק[5] פֿון העכער הונדערט קילאָמעטער,
פֿאַרגרעסערט דעם אומקרײַז ביז גאָר, ביז גאָר.
און דער איינזאַמער מאַן וואָס באַוויינט איר טויט
אין איינעם פֿון יענע פֿאַרוואָרפֿענע[6] לענדער מעבֿר־לים[7]
נעמט אינעם קרײַז אַרײַן די גאַנצע וועלט.
און איך וועל שוין ניט רעדן וועגן דעם גוואַלד[8] פֿון די יתומים[9],
וואָס דערגייט אַזש[10] ביזן כּיסא־הכּבֿוד[11]
און פֿון דאָרט – ווײַטער נאָך, און מאַכט
דעם קרײַז פֿאַר אַן אָן־סוף[12] – אָן גאָט.

1. ... shetekh zone d'impact/explosion range 2. périmètre/perimeter 3. hôpitaux/hospitals 4. beys-oylem cimetière/cemetery 5. merkhek distance 6. lointains/remote 7. meeyver leyam au-delà des mers/across the sea 8. cri/cry 9. yesoymim orphelins/orphans 10. ausssi loin que/as far as 11. kise-hakoved trône de Dieu/throne of God 12. ...-sof infini/infinity.

דאָס ליד ◀
האָט איבערגעזעצט
פֿון העברעיִש
מרים טרין.

י הודה עמיחי[1] איז געווען איינער פֿון די ערשטע און וויכטיקסטע העברעיִשע פּאָעטן פֿון מדינת־ישׂראל[2]. ער איז געבוירן געוואָרן אין דײַטשלאַנד אין 1924 און אין 1936 עמיגרירט מיט דער משפּחה[3] קיין ארץ־ישׂראל[4]. געקעמפֿט ווי אַ סאָלדאַט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה[5]. ער האָט אָנגעהויבן צו פּובליקירן פּאָעזיע אין די פֿערציקער יאָרן. זײַן שפּראַך איז אַ באַנײַערישע, מיט קלאָרע, שטאַרקע ווערטער וואָס שפּיגלען אָפּ די שווערע רעאַליטעט פֿונעם לאַנד און גלײַכצײַטיק זײַן באַזונדערן כּישוף[6]. אַ סך לידער זײַנען געווידמעט ירושלים[7], ווו עמיחי האָט געלעבט ביז זײַן טויט אין יאָר 2000. פֿאַר זײַן שאַפֿונג, וואָס נעמט אַרײַן אויך פּראָזע און טעאַטער, האָט ער באַקומען אין 1982 די „ישׂראל־פּרעמיע" פֿאַר ליטעראַטור. דאָס ליד „דער דיאַמעטער פֿון דער באָמבע" איז פֿאַרעפֿנטלעכט[8] געוואָרן אין 1977 אין דער זאַמלונג „הזמן[9]" (די צײַט).

1. Yehude Amikhay 2. medines-yisroel l'Etat d'Israël/the State of Israel 3. mishpokhe famille/family 4. erets-yisroel terre d'Israël/Land of Israel 5. milkhome guerre/war 6. ... kishef sa propre magie/its own magic 7. yerusholaim 8. publié/published 9. hazman.

## אַ שפֿע[1] ייִדיש־קאָנגרעסן...

ד עם זומער זענען פֿאָרגעקומען אַזש[2] דרײַ אינטערנאַציאָנאַלע סימפּאָזיומס אַרום דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. אָנגעהויבן האָט עס זיך אין יולי, אין דער אַלטער ענגלישער אוניווערסיטעט־שטאָט אָקספֿאָרד, ווו עס האָבן זיך געטראָפֿן ייִדיש־לערער פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, כּדי[3] אויסצוטוישן[4] זייערע דערפֿאַרונגען[5] (זעט זײַט 2).

די צווייטע טרעפֿונג איז געווען דער 13טער „וועלטקאָנגרעס פֿאַר ייִדישע ווויסנשאַפֿטן" אין ירושלים[6], צווישן דעם 12טן און 17טן אויגוסט. אין אַ באַזונדערער ייִדיש־סעקציע האָט מען געקענט הערן רעפֿעראַטן אויף פֿאַרשיידענע געביטן[7] : אַלטע און נײַע ייִדישע ליטעראַטור, שפּראַך, טעאַטער און פֿאָלקלאָר. אַ גאַנצע סעסיע איז געווידמעט געוואָרן דעם באַרימטן פֿאָרשער פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר, פּראָפֿ' דבֿ נוי[8]. די לעצטע פֿון די דרײַ אימפּרעזעס[9] איז פֿאָרגעקומען אין

[סוף זײַט 8]

1. shefe pléthore de/an abundance of 2. pas moins de/no less than 3. kedey afin de/in order to 4. échanger/to exchange 5. expériences 6. yerusholaim 7. domaines/areas 8. Dov Noy 9. manifestations/events



▼ די שטאָט
אָקספֿאָרד

# אָקספֿאָרד 2001

**ווי אַזוי איבערצוגעבן ייִדיש אויפֿן אוניווערסיטעט און ווי אַזוי אין ווייניקער פֿאָרמעלע ראַמען[1] ? וועלכע לערן־מעטאָדן זענען צוגעפּאַסט אין קלאַס און וועלכע פֿאַר אַליין־לערנערס ? ווי לערנט מען מיט קינדער און ווי מיט דערוואַקסענע, ווי מיט אָנהייבערס און ווי מיט „פֿאַלשע אָנהייבערס"[2] ? צי דאַרף מען בלויז לערנען די שפּראַך, צי אויך אויפֿוועקן ייִדישקייט בײַ די תּלמידים ?**

די און אַ סך אַנדערע פֿראַגעס האָבן זיך געשטעלט די אָנטייל־נעמער פֿון דעם „אייראָפּעיִשן סעמינאַר פֿון ייִדיש־לערערס" וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אָקספֿאָרד (ענגלאַנד) צווישן דעם 30סטן יולי און דעם 3טן אויגוסט. אינעם סימפּאָזיום האָבן זיך באַטייליקט 18 לערער פֿון 6 אייראָפּעיִשע לענדער (ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, האָלאַנד, שוועדן און פֿינלאַנד). דער גאַסטגעבער[3] פֿון דער טרעפֿונג איז געווען דער אָקספֿאָרדער אינסטיטוט פֿאַר ייִדיש־שטודיעס, וואָס אָרגאַניזירט אויך יאָר־יערלעך[4] דעם באַוווּסטן אָקספֿאָרדער זומער־פּראָגראַם.

יעדער אָנטייל־נעמער האָט פֿאָרגעשטעלט דעם מצבֿ[5] פֿון ייִדיש־לימוד[6] אין זײַן לאַנד. ס'זעט אויס, אַז צום מערסטן לערנט מען זיך ייִדיש אין פֿראַנקרײַך, ווו ס'איז דאָ ייִדישקורסן אין 7 שטעט. דער גרעסטער צענטער איז אַוודאי[7] פּאַריז, ווו אַ 300 מענטשן אין פֿאַרשיידענעם עלטער האָבן זיך דאָס לעצטע יאָר געלערנט ייִדיש אויף 4 אוניווערסיטעטן און אין עטלעכע קולטור־צענטערס, דאָס רובֿ[8] אינעם מעדעם־צענטער פֿאַר ייִדישער שפּראַך און קולטור. אין דײַטשלאַנד און ענגלאַנד לערנט מען זיך ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור דער עיקר[9] אויף די אוניווערסיטעטן (טריר, דיסעלדאָרף, פֿראַנקפֿורט, פּאָצדאַם ; לאָנדאָן, אָקספֿאָרד), כאָטש עס עקזיסטירן אויך קורסן אין קולטור־צענטערס, ווי צום בײַשפּיל אין דער זייער אַקטיווער „שלמה־בירנבוים[10]־געזעלשאַפֿט" אין האַמבורג. אויף געוויסע[11] אוניווערסיטעטן איז ייִדיש אַ גלײַכבאַרעכטיקטער[12] טייל פֿונעם לערן־פּראָגראַם, אויף אַנדערע, ווי דער אוניווערסיטעט אין סטירלינג (שאָטלאַנד), איז עס בלויז אַ מין צוגאָבקלאַס[13]. אין האָלאַנד, שוועדן צי פֿינלאַנד עקזיסטירן הײַנט צו טאָג בלויז איינצלנע[14] ייִדישקרײַזן, מיט ווייניקער תּלמידים, כאָטש אויך דאָרטן האַלט דער אינטערעס פֿאַר ייִדיש אין וואַקסן, מע גיט אַרויס נײַע לערנביכער און מע זעצט איבער די ייִדישע ליטעראַטור.

אַ וויכטיקע טעמע איז געווען די דידאַקטישע מאַטעריאַלן. מע האָט פֿאָרגעשטעלט דרײַ נײַע ייִדיש־מעטאָדן[15], וואָס דאַרפֿן באַלד אַרויסגיין אין דרוק : אַ מעטאָד פֿאַר אַליין־לערנערס אין דער סעריע „אַסימיל", וואָס ווערט צוגעגרייט אין פֿראַנקרײַך פֿון אַניק פּרים און נאַדיאַ דעהאַן ; „ייִדיש 2000" פֿון גענאַדי עסטרײַך פֿון אָקספֿאָרד (אַ פֿאַרבעסערטע ווערסיע פֿון זײַן „אינטענסיוו ייִדיש") ; און „ייִדיש פֿאַר דײַטשרעדנדיקע" פֿון מאַריאָן אַפּטראָט פֿון דיסלדאָרפֿער אוניווערסיטעט. מע האָט אויך דערמאָנט דאָס לעצטע ווערק פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם פּראָפֿעסאָר שמעון[16] סאַנדלער, „ייִדיש : לערנבוך פֿאַר רוסיש־רעדנדיקע", וואָס איז נאָר וואָס אַרויס אין רוסלאַנד. און מע האָט אַוודאי ניט פֿאַרגעסן „דעם ייִדישן טעם־טעם", אַ לייען־מאַטעריאַל פֿאַר ייִדיש־לערנערס...

מע האָט אויך געהאַט געסט פֿון אַמעריקע : דער „פֿאָרווערטס" האָט פֿאַרבעטן אַ ייִדיש־לערערקע פֿון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט (ניו־יאָרק), מרים[17] האָפֿמאַן. זי האָט געוויזן דיקע לערנביכער, וואָס זי האָט צונויפֿגעשטעלט פֿאַר אירע תּלמידים (וועלכע קומען דאָס רובֿ פֿון די פֿרומע סבֿיבֿות[18]). די דאָזיקע מאַטעריאַלן זענען לײַדער[19] נאָך ניט פּובליקירט, אָבער מע קען שוין ניצן טעקסטן וואָס זי רעדאַגירט פֿאַרן „פֿאָרווערטס" און וואָס ווערן געדרוקט ווי אַ נײַע דידאַקטישע בײַלאַגע[20] : „מיטן פּנים[21] צום מאָרגן".

[סוף זײַט 8]



▲ די אָנטייל־נעמער פֿונעם לערער־סימפּאָזיום

1. cadre/setting 2. faux débutants/students with some prior knowledge of the language 3. hôte/host 4. אַלע יאָר 5. MATSEV situation 6. LIMED études/studies 7. AVADE bien sûr/of course 8. ...ROV la majorité/the majority 9. ...IKER principalement/mainly 10. Shloyme Birnbaum 11. certains/some 12. à part entière/full-fledged 13. sorte de cours supplémentaire/sort of extra course 14. isolés/isolated 15. manuels/textbooks 16. ShIMEN 17. MIRYAM 18. SVIVES milieu 19. malheureusement/unfortunately 20. supplément 21. PONEM visage/face

# דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן

## לעצטנס האָט מען געקענט זען אין פּאַריז אַ נײַע פֿראַנצייזישע אויפֿפֿירונג פֿון דער פּיעסע „דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן” פֿון דעם באַוווּסטן ייִדיש־העברעיִשן דראַמאַטורג, פּאָעט און ליטעראַטור־קריטיקער אַהרן צייטלין[1].



▲ אַהרן צייטלין אין ניו־יאָרק אין זײַנע עלטערע יאָרן.

אַ פּאַריזער טעאַטערל מיטן צוזאָגנדיקן[2] נאָמען „פּאָרלייג־טעאַטער“[3], האָט אין יוני געמאַכט טאַקע זייער אַן אינטערעסאַנטן פּאָרלייג : מע האָט דאָרט געוויזן אַהרן צייטלינס פּיעסע *דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן*, אין דער פֿראַנצייזישער איבערזעצונג פֿון זשאַק מאַנדלבוים מיט דער מיטווירקונג פֿון אַריסטיד דעמאָניקאָ[4]. דער פּרווו צו שפּילן צייטלינען, אַ שרײַבער מיט קאָמפּליצירטע, אָפֿט פּאַראַפּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, איז פֿאַר זיך אַליין אַ פֿאַרמעסט[5].

ד*זשייקאָב דזשייקאָבסאָן* איז – ווי דער אויטאָר אַליין האָט עס אָנגערופֿן – „אַ גראָטעסקשפּיל אין פֿיר אַקטן“. עס שפּילט זיך אָפּ אין דרײַ ספֿערעס : אויף אַ שיף אויפֿן אַטלאַנטיק, אין די טיפֿענישן פֿון ים[6] און אין גן־עדן[7]. די הויפּטטעמע איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר צייטלינען : דער אונטערגאַנג פֿון דער הפֿקרדיקער[8] מענטשהייט און די שאַפֿונג פֿון אַ נײַער וועלט, מיט אַ נײַעם „אָדם־הראשון“[9]. דער הויפּטהעלד, דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן, איז אַ ייִד, אַ רײַכער בעל־הבית[10] פֿון אַ פֿאַבריק פֿון הויזן־קנעפּלעך, וואָס האָט נישט קיין אילוזיעס לגבי[11] דער הפֿקרדיקער וועלט. די וועלט, סימבאָליזירט פֿון די שיף־פּאַסאַזשירן, וואָס קומען פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן[12] פֿון דער געזעלשאַפֿט, גרייט זיך מיט אַ גרויסן ענטוזיאַזם צו אַ וועלט־מלחמה[13] צווישן ענגלאַנד און ראַטן־פֿאַרבאַנד[14] (צייטלין האָט די פּיעסע פּובליקירט אין 1931[15] !). דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן בלײַבט אין דרויסן פֿון דער־אָ געזעלשאַפֿט. ער האָט אַ נבֿיאישן[16] קוק אויף איר : ער פֿילט איר נאָענטן סוף[17].

אין די צוויי מיטעלע אַקטן פֿאַרלאָזט מען די אמתע[18] וועלט, וואָס איז טאַקע אונטערגעגאַנגען (סימבאָליזירט פֿונעם שיף־אונטערגאַנג) און מע גייט אַריבער צו אַ פֿאַנטאַסטישער ים־וועלט. דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן – דער איינציקער לעבן־געבליבענער פּאַסאַזשיר – באַקענט זיך דאָרט מיטן פּערפֿעקטן שלום[19]. אָבער ער פֿאַרשטייט אויך אַז שלום איז מעגלעך נאָר אין אַ וועלט אָן מענטשן. אינעם דריטן אַקט קומט אויף[20] אַ געדאַנק צו שאַפֿן אַ נײַעם אָדם. דער „לעצטער מענטש“, דזשייקאָב דזשייקאָבסאָן, דאַרף זײַן דער אָנהייב פֿון דער נײַער מענטשהייט. ער איז אַ מאַריאָנעטקע אין די הענט פֿונעם מלאך סנסיני[21] און זײַן קאָנקורענט דעם בייזן שלאַנג[22]. ביידע ווילן מאַניפּולירן דזשייקאָב דזשייקאָבסאָנען כּדי צו שאַפֿן אַ מענטשהייט לויט זייערע פּרינציפּן פֿון גוטס אָדער שלעכטס. אויך חווה[23] איז דאָ : אין געשטאַלט פֿון[24] דזשייקאָב דזשייקאָבסאָנס ווײַב, אַ פֿאַרפֿירערישע[25] אָפּערע־זינגערין וואָס מע האָט צוריקגעברענגט צווישן די לעבעדיקע. גאָט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט[26] פֿון דער נײַער באַשאַפֿונג – און מע פֿאַרשטייט אַז קיין בעסערע וועלט וועט שוין פֿון דעם ניט אַרויסקומען. נו, אויב איר ווילט וויסן ווי עס ענדיקט זיך די מעשׂה[27], לייענט אַליין, אַוודאי[28] אין אָריגינאַל...

די אויפֿפֿירונג פֿונעם „פּאָרלייג־טעאַטער“ איז אַ באַנײַערישע און היט אָפּ[29] דעם גראָטעסקן כאַראַקטער פֿון דער פּיעסע. די קאָסטיומען, דעקאָראַציעס און ליכט־ און קלאַנג־עפֿעקטן (באַזונדערש אין די ים־סצענעס) זענען אַלע געווען קונציק[30] און רײַך מיט פֿאַנטאַזיע. די אַקטיאָרן האָבן גוט געשפּילט, מיטן גאַנצן קערפּער און אויך מיט זייערע שטימען. אינעם קליינעם טעאַטער, וווּ מען איז געזעסן צוזאַמענגעפּרעסט, האָט מען געקענט אָנרירן אָדם און חוהן און שמעקן די לופֿט פֿון גן־עדן...
אַפֿילו[31] דער אייביקער סקעפּטיקער אהרן צייטלין וואָלט געקענט שעפּן נחת[32] פֿון דעם אַלעמען !



1. ARN Tseytlin (1898, Uvarovitsh - 1973, New York) 2. prometteur/promising 3. Théâtre de Proposition 4. Aristide Demonico, Théâtre yiddish, Vol. II, Paris, 1993 5. défi/challenge 6. YAM mer, océan/sea, ocean 7. GAN-EYDN Paradis/Paradise 8. HEFKERDIKER immoral 9. ODEM-HARISHN Adam 10. BALEBOS patron/boss, owner 11. LEGABE à propos de/concerning 12. couches, classes/strata, classes 13. MILKHOME guerre/war 14. Union soviétique/Soviet Union 15. אין דעם זאַמלבוך *אַמאָל איז אַ יובֿל*, וואַרשע 1931, נומער 2, ז. 86-1 16. NEVIIShN prophétique/prophetic 17. SOF fin/end 18. EMESE réel/real 19. ShOLEM paix/peace 20. surgit/appears 21. MALEKh SANSINE Ange Sansinaï/ Angel Sansinai 22. serpent 23. KhAVE Eve 24. en la personne de/in the likeness of 25. séduisante/seductive 26. renoncé/given up on 27. MAYSE histoire/story 28. AVADE bien entendu/of course 29. préserve/preserves 30. ingénieux/ingenious 31. AFILE même/even 32. … NAKhES aurait pu prendre plaisir/ would have taken great pleasure.

# שפּעטער שניט

## דעם זומער איז אַרויס אַ ניַי ווערק אויף ייִדיש – דריַי בענד[1] עסייען, זכרונות[2], דערציילונגען און לידער פֿון עזריה[3] דאָברושקעס מיטן טיטל „שפּעטער שניט[4]“.

עזריה דאָברושקעס איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1912. דאָרטן איז ער געגאַנגען אין גימנאַזיע, וווּ ער האָט זיך געלערנט, צווישן אַנדערע, ביַי דעם שריַיבער משה קולבאַק[5] און דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק[6]. שפּעטער איז ער אויף אַ פּאָר יאָר געפֿאָרן שטודירן אין פֿראַנקריַיך, און דאָרטן געוואָרן אַן אינזשעניער. אין 1939, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה[7], האָט ער מיט זיַין וויַיב פֿאַרלאָזט ווילנע און איז אַנטלאָפֿן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[8]. נאָך דער מלחמה איז ער געפֿאָרן אויף אַ קורצער ציַיט קיין פּוילן, און פֿון דאָרטן קיין בעלגיע, וווּ ער האָט וויַיטער געאַרבעט ווי אַן אינזשעניער. די גאַנצע ציַיט האָט ער געשריבן און זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם ייִדישן קולטור־לעבן. היַינט, שוין אויף פּענסיע, לעבט ער אין מאָנפּעליע (דרום[9] פֿראַנקריַיך). אַ גרופּע פֿון זיַינע ייִדיש־תּלמידים[10] האָבן דאָרטן געגרינדעט אַ געזעלשאַפֿט כּדי אַרויסצוגעבן זיַינע שאַפֿונגען. אַ דאַנק זיי איז איצט דערשינען אין פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ[11] אין תּל־אָבֿיבֿ[12] „דער שפּעטער שניט“. די דריַי בענד נעמען אַריַין אַ ריַיכן מאַטעריאַל פֿון פֿאַרשיידענע זשאַנערס. מע קען דאָרטן געפֿינען דעם מחברס[13] זכרונות פֿון זיַין געבוירן־שטאָט, ווילנע (וווּ אַ באַזונדער אָרט איז געווידמעט משה קולבאַק און מאַקס עריק, ווי אויך דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פֿון דער פּוילישער מאַכט, וואָס האָט נישט אויסגענוצט די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פֿון ייִדישן ייִשובֿ[14]). ס'איז אויך דאָ עסייען וועגן די סטאַלין־יאָרן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד בעת[15] דער מלחמה, וועגן דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, דערציילונגען און לידער. אַ טייל פֿון אָט די שאַפֿונגען זענען נאָך אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרן, און אַ טייל איז שוין דערשינען אין 25 ייִדישע ציַיטשריפֿטן איבער דער גאַנצער וועלט.



עזריה דאָברושקעס ◄

דאָס בוך קען מען קויפֿן אין דער מעדעם־ביבליאָטעק אָדער באַשטעלן אויף דעם וויַיטערדיקן אַדרעס :

EDYTAD
chez Béatrice Baer
1043 chemin de Moulares
34070 Montpellier



1. volumes *sing.* דער באַנד 2. ZIKhROYNES mémoires/memoirs 3. AZARYE 4. moisson tardive/late harvest 5. MOYShE Kulbak (1896-1937) 6. Max Erik (1898-1937) 7. MILKhOME guerre/war 8. Union soviétique/Soviet Union 9. DOREM (du) sud/southern 10. TALMIDIM étudiants/students 11. les éditions Y.L. Perets/Y.L. Perets Publishing House 12. TEL-AVIV 13. MEKhABERS de l'auteur/author's 14. YIShEV communauté/community 15. BEYS pendant/during

# אַ שמועס מיטן אויטאָר

*ט־ט.: צי איז דער „שפּעטער שניט“ אַן אויטאָביאָגראַפֿיע ?*

ע.ד.: כאָטש דאָרט זיַינען פֿאַראַן ניט ווייניק ביאָגראַפֿישע פּרטים[1], נעם איך אַריַין אַ סך מער ווי מיַינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען. ס'איז די אָפּשפּיגלונג[2] פֿון אַ לאַנגער עפּאָכע פֿון ייִדישן לעבן אין ווילנע, פּוילן און ראַטן־פֿאַרבאַנד. מיט אַ באַזונדערן טראָפּ[3] אויף די ווילנער ייִדישע שולן, לערערס, רעוואָלוציאָנערן, אינזשעניערן, אינדוסטריעלער און אויך ניט־ייִדישע שכנים[4].

*ט־ט.: 50 יאָר האָט איר אין בריסל פּראָפֿעסיאָנעל זיך אויסגעלעבט אין אַ פֿראַנצייזיש־רעדנדיקער סבֿיבֿה[5]. וואָס האָט איַיך געטריבן צו שריַיבן דווקא[6] אין ייִדיש ?*

ע.ד.: דער ענטפֿער איז פּשוט[7] : וויַיל ייִדיש איז מיַין מאַמע־לשון[8]. איך דאַרף אָבער צוגעבן, אַז כאָטש מיַינע טעג זיַינען געווען אויסגעפֿילט מיט טעטיקייטן[9] אין פֿראַנצייזיש, בין איך קיין מאָל ניט אַרויס פֿון דער ייִדישער קולטור־סבֿיבֿה : איך האָב אין די יאָרן געהאַלטן 180 ייִדישע רעפֿעראַטן אין בריסל, ליעזש און פּאַריז. כ'האָב אויך געלערנט ייִדיש מיט דערוואַקסענע.

▼ הילע פֿון בוך „שפּעטער שניט“




*ט־ט: ווער, מיינט איר, וועלן זיַין די לייענערס ?*

ע.ד.: אין די היַינטיקע באַדינגונגען[10] איז דאָס אַ גוטע פֿראַגע. איך געהער אָבער ניט צו די קברנים[11] פֿון ייִדיש. קענערס פֿון ייִדיש וועלן האָבן הנאה[12] צו לייענען אַ ניַי בוך. עלטערע מענטשן וועלן געפֿינען ענלעכקייטן מיט זייער אייגענער דערפֿאַרונג און זיי וועלן האָבן אַן איבערבליק פֿון די פֿאַרלאָפֿענע יאָרן. ס'קען אויך זיַין אינטערעסאַנט פֿאַר קינדער און יוגנטלעכע וואָס ווילן אָפּגעפֿינען זייער שורש[13], וואָס ווילן זיך באַקענען מיט אונדזער דורותדיקער[14] קולטור און זיַינען גרייט צו טראָגן וויַיטער דעם פֿאַקל[15].

1. PROTIM détails 2. reflet/reflection 3. accent 4. ShKhEYNIM voisins/neighbors 5. SVIVE milieu 6. DAFKE justement/precisely 7. POShET simple 8. ...LOShN langue maternelle/mother tongue 9. activités/activities 10. conditions 11. KABRONIM fossoyeurs/gravediggers 12. HANOE plaisir/pleasure 13. ShOYRESh racine/root 14. DOYRESDIKER ancestral *de/from* דור DOR génération 15. flambeau/torch.

# מיכאַל באָגאַנימס „דאָסט“[1]

שמעון' נויבערג ◄ שיקט אונדז פֿון טריר (דײַטשלאַנד) אַ שפּיל אַרום אַנאַגראַמען פֿון די נעמען פֿון ייִדישע שרײַבער

זונטיק דעם 2טן סעפּטעמבער האָט מען אין דער מעדעם־ביבליאָטעק געוויזן מיכאַל באָגאַנימס נײַעם דאָקומענטאַר־פֿילם „דאָסט“ („שטויב“). מיכאַל באָגאַנים איז אַ יונגע פֿראַנצייזישע רעזשיסאָרשע[2], אַ געבוירענע אין ישׂראל, וואָס האָט זיך געלערנט פֿילם־שטודיעס בײַ דער נאַציאָנאַלער פֿילמשול אין לאָנדאָן. זי האָט שוין געמאַכט צוויי פֿילמען אַרום ייִדישע טעמעס.

די מעשׂה[3] קומט פֿאָר אויף דער מאָלדאָוואַנקע, די אַמאָליקע ייִדישע געגנט פֿון דער שטאָט, ווו עס האָבן פֿאַרצײַטנס[4] געלעבט שלום־עליכם[5], „דער זיידע“ מענדעלע[6], איזאַק באַבעל (דער באַשרײַבער פֿון דער אָדעסער אונטערוועלט[7]), דער היסטאָריקער שמעון[8] דובנאָוו, די ציוניסטן[9] וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און אחד־העם[10], צי דער העברעיִשער נאַציאָנאַלער פּאָעט חיים נחמן[11] ביאַליק.

בײַם אָנהייב פֿון פֿילם זעט מען אָדעס אַזוי ווי מיר וואָלטן געווען געסט אָנגעקומענע פֿון דער ווײַטנס, פֿונעם שוואַרצן ים[12], אַזוי ווי די מאַטראָסן[13] אויף דער באַרימטער שיף „פּאַטיאָמקין[14]“. די דאָזיקע אילוזיע ווערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער ווען דער פֿילם פֿירט אונדז אַרויף אויף די פּוסטע ווײַסע טרעפּ[15] און אַרײַן אין דער שטאָט גופֿא[16].

שוין אויף דער מאָלדאָוואַנקע, געפֿינען מיר זיך אויף אַ הויף בײַ אַ קליין שטיבעלע. אינעווייניק שטייט אַן עלטערע פֿרוי און זינגט אַ טרויעריקע מעלאָדיע, די אייגענע[17] מעלאָדיע וואָס זי פֿלעגט זינגען מיידלווײַז, ווען איר טאַטע דער רבֿ[18] האָט נאָך געדאַוונט[19] און ווען ייִדן האָבן דאָרטן געלעבט – ווי עס זאָגט דאָס באַרימטע ווערטל[20] – „ווי גאָט אין אָדעס“. זי הייסט אסתּר[21], איז שוין אין די נײַנציקער, און ווינט נאָך אַלץ אין אָדעס, אַ שטאָט וואָס אי די העברעיִסטן, אי די ייִדישיסטן און אַ פּנים[22] אויך גאָט אַליין האָבן פֿאַרלאָזט. אָבער די אַמאָליקע שטאָט לעבט נאָך אין אסתּרס זכּרון[23] און שפּיגלט זיך אָפּ[24] אין די לידער וואָס זי זינגט צוזאַמען מיט די שכנים[25] וואַלערי און טאַניע. באָגאַנימס פֿילם איז אַן אימפּרעסיאָניסטישע און גראָטעסקע באַשרײַבונג פֿון זייער לעבן. זי ווײַזט וואָס דאָס הייסט זײַן אַן אָדעסער ייִד



▲ אַ סצענע פֿון פֿילם „דאָסט“

אין משך פֿון[26] דרײַ תּקופֿות[27], פֿאַר דער רעוואָלוציע, נאָך דער רעוואָלוציע, און נאָך דעם אונטערגאַנג פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד[28]. דעריבער איז דער פֿילם פֿול מיט משונהדיקע[29] אימאַזשן און סורעאַליסטישע קלאַנגען, ווי אַ שטייגער[30] דער טעלעפֿאָן וואָס הערט ניט אויף צו קלינגען און די קליאַמקע[31] וואָס האַלט אין איין קלאַפּן, כּדי[32] אָנצומעלדן[33] פֿרישע געסט אָנגעקומענע צו אסתּרן אין שטוב. אָבער נישט געקוקט דערויף[34] וואָס אין באָגאַנימס אויגן איז אָדעס אַ שמוציקע און חרובֿע[35] שטאָט, זענען די דרײַ העלדן גאָר שטאָלץ מיט זייער געבוירן־אָרט. אסתּר גלייבט ניט

[סוף זײַט 8]

1. Michale Boganim : «Dust» (Poussière), U.K. 2001 2. metteur en scène (*fém.*)/director (*fem.*) 3. MAYSE histoire/story 4. autrefois/long ago 5. SHOLEM ALEYKHEM 6. MENDELE MOYKHER SFORIM 7. milieu criminel/criminal underworld 8. SHIMEN Dubnov 9. TSIENISTN sionistes/Zionists 10. AKHAD HAAM pseud. de/of Asher Hirsh Ginsberg 11. KHAIM NAKHMEN 12. YAM mer/sea 13. marins/sailors 14. Potemkine/Potemkin 15. escalier/steps 16. GUFE elle-même/itself 17. la même/the same *syn.* די זעלביקע, די זעלבע 18. ROV rabbin/rabbi 19. priait/prayed 20. dicton/saying 21. ESTER 22. A PONEM semble-t-il/so it seems 23. ZIKORN mémoire/memory 24. se reflète/is reflected 25. SHKHEYNIM voisins/neighbors 26. ...MESHEKH... pendant/during 27. TKUFES époques/periods 28. Union soviétique/Soviet Union 29. MESHUNEDIKE étranges/strange 30. par exemple/for example 31. poignée (de porte)/doorknob 32. KEDEY afin de/in order to 33. annoncer/to announce 34. malgré le fait/despite the fact 35. KHOREVE en ruines/ruined

## שמעונס שמועסן

איך האָב ליב אַן אַנאַגראַם, אַ וואָרט וואָס שרײַבט זיך מיט די זעלביקע אותיות[2] ווי אַן אַנדער וואָרט – אָבער אין אַן אַנדער סדר[3], פֿאַרשטייט זיך. צום בײַשפּיל : *שיף* און *פֿיש*. (די לאַנגע פֿאַ[4] (ף) ווערט פֿאַר־רעכנט[5] ווי סתּם אַ פֿאַ[6] – אַניט[7] ווי קען מען בײַטן דעם סדר ?) אין די ווײַטערדיקע בײַשפּילן ווערן „וו“, „יי“ און „ײַ“ פֿאַררעכנט פֿאַר דרײַ באַזונדערע צייכנס[8]. מע וואָלט אויך געקענט אָננעמען[9] אַ גרינגערן כּלל[10], מע זאָל קענען געפֿינען מער אַנאַגראַמען. דעמאָלט קען מען צוגעבן *ברוין = רובין*[11] ! „אַ“, „אַ“ און „אָ“ ווערן אָבער פֿאַררעכנט אַלע ווי איין אות, אַניט איז שווער אַרײַנצורוקן[12] דעם שטומען אַלף[13] אין מיטן וואָרט !

צו אַן אַנאַגראַם מאַכט נישט אויס[14], פֿון וואָס פֿאַר אַ וואָרט מע הייבט אָן : עס קען זײַן אַ קאָניוגירטע אָדער אַ דעקלינירטע פֿאָרעם. ס'קען אויך זײַן פּלוראַל : למשל[15] איז *גראַמען*[16] אַן אַנאַגראַם פֿונעם נאָמען *מאַנגער*[17]. זייער אַ פּאַסיקער[18] אַנאַגראַם ! אָבער אַנאַ־גראַמען מוזן ניט אַלע מאָל זײַן פּאַסיק : עס גייט ניט אין קבלה[19] – עס איז אַ שפּיל... ווי אַ שפּיל לייג איך פֿאָר[20] פּופּצן אַנאַ־גראַמען צו נעמען פֿון באַוווּסטע (אָדער ווינציקער באַוווּסטע) ייִדישע שרײַבערס – זוכט ווער איז דער באַהאַלטענער[21] שרײַבער הינטער די־אָ אַנאַגראַמען !

איקסן[22] – אָמן[23] – בליק – געניטער[24] – געניק[25] – גרינע – גרעבער[26] – ווילנע – זייערן – טיכל[27] – טרוקן – ערשטן קראָם – שאַ – שטיל.

אויב איר געפֿינט נישט אַלע ענטפֿערס, קוקט אויף זײַט 8. אַגבֿ[28]: דער טיטל פֿון דעם אַרטיקל איז אפֿשר[29] ניט קלאָר ? אָדער ניט פּאַסיק ? די מעשׂה[30] איז : ער איז אויך אַנאַגראַמאַטיש !

1. SHIMEN 2. OYSYES lettres/letters *sing.* OS אות 3. SEYDER ordre/order 4. ... FEY : nom de la lettre ף /name of the letter ף 5. considéré/considered 6. STAM ... comme un פֿ ordinaire/as an ordinary פֿ 7. sinon/otherwise 8. signes distincts/distinct signs 9. adopter/adopt 10. KLAL règle/rule 11. Rivke Rubin (née en/born 1906) 12. insérer/move over 13. ALEF nom de la lettre א/name of the letter א 14. ça n'a pas d'importance/it doesn't matter 15. LEMOSHL par exemple/for example 16. rimes/rhymes 17. (Itsik) Manger (1901-1969) 18. approprié/appropriate 19. KABOLE Cabale/ Kabbala 20. je propose/I suggest 21. caché/hidden 22. pluriel de la lettre «x»/plural of the letter «x» 23. OMEYN amen 24. *comp. de/of* געניטcompétent 25. nuque/neck 26. *comp. de/of* גראָב 27. foulard/kerchief 28. AGEV à propos/by the way 29. EFSHER peut-être/perhaps 30. MAYSE histoire *ici* le fait est/story *here* the fact is.

דער קליינער
פֿאָרווערטס



▲ ווערמערס
„די מילכמויד“

# וואַקסנדיקער אינטערעס אין די פֿרויען פֿון ווערמערס[1] בילדער

לאָנדאָן - יאָהאַנעס ווערמער, דער האָלענדישער מאָלער פֿונעם 17טן יאָרהונדערט, וועלכער איז באַקאַנט ווי „דער מײַסטער פֿון ליכט“, איז לעצטנס געוואָרן אַ שטאַרק פּאָפּולערע פֿיגור. במשך[2] פֿון די פֿאַרגאַנגענע זעקס יאָר האָט ער שוין אינספּירירט פֿינף ראָמאַנען, דרײַ קונסט־אויסשטעלונגען און אַן אָפּערע. באַלד וועט אַרויס אַ נײַער פֿילם, באַזירט אויפֿן בעסטסעלער „מיידל מיט אַ פּערל־אויררינגל“, וואָס איז דער טיטל פֿון איינעם פֿון ווערמערס בילדער.

פּיטער גרינאַוויי, אַ בריטישער רעזשיסאָר[3], וועלכער האָט אין 1985 פּראָדוצירט אַ פֿילם וועגן ווערמערס לעבן און אויך געשריבן דעם טעקסט צו דער אָפּערע „שרײַבנדיק צו ווערמער“, האָט דערקלערט : „ווערמער איז געווען אַ פֿאַנטאַסטישער מאָלער און אַ מיסטעריעזער פּאַרשוין. אפֿשר[4] ווײַל מיר ווייסן אַזוי ווייניק וועגן זײַן לעבן, דרינגען מיר אַרויס[5] פֿון זײַנע לײַוונטן[6] וויפֿל עס לאָזט זיך.“

וואָס מע ווייסט יאָ איז אַז ווערמער האָט געלעבט פֿון 1632 ביז 1675 און איז געווען דער באַרימטסטער פֿון אַ גרופּע קינסטלער, וואָס האָט זיך גערופֿן „די דעלפֿטער שול“. די־אָ[7] קונסט־באַוועגונג האָט געבליט אין די ערשטע 70 יאָר פֿונעם 17טן יאָרהונדערט אינעם האָלענדישן שטעטל דעלפֿט. לויט גרינאַוויי איז ווערמערס פּאָפּולאַריטעט פֿאַרבונדן מיט זײַן טאַלאַנט פֿאָרצושטעלן[8] פֿרויען אין דעם שענסטן ליכט. „אַלע פֿרויען זעען בײַ אים אויס[9] שיין“, האָט גרינאַוויי געזאָגט. „250 יאָר איידער פֿאָטאָגראַפֿיע איז אַנטדעקט געוואָרן האָט ער שוין געוווּסט ווי צו שאַפֿן בילדער, וואָס זענען רעאַליסטיש און ’ליכט־פּערפֿעקט‘.“

די אויסשטעלונג „ווערמער און די דעלפֿטער שול“ אין דער בריטישער נאַציאָנאַלער גאַלעריע האָט זיך געעפֿנט דעם 20סטן יוני און האָט שוין צוגעצויגן 000 92 מענטשן. „דאָס איז אומגעהערט“, האָט איבערגעגעבן העלען פֿאָקנער, אַ וואָרטזאָגערין[10] פֿון דער גאַלעריע. „מיר האָבן געדאַרפֿט פֿאַרלענגערן אונדזערע שעהען[11], כּדי[12] צו באַפֿרידיקן[13] דעם אינטערעס.“

דעם 31סטן אויגוסט 2001

1. Johannes Vermeer (1632-1675) 2. BEMESHEKH pendant/during 3. metteur en scène/director 4. EFSHER peut-être/perhaps 5. אַרויסדרינגען déduire/to deduce 6. toiles/canvasses 7. cette/this *syn.* אָט די , די דאָזיקע 8. représenter/portray 9. אויסזען avoir l'air/to look 10. porte-parole *fém.* /spokeswoman 11. SHOEN heures/hours 12. KEDEY afin de/in order to 13. satisfaire/satisfy.

## יאָ, איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ......................................
אַדרעס : ..................................................................
..................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַזן :
פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר
איבער דער וועלט :
ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר
לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער :
אויסגאַנג[4]־דאַטע :
שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward
45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA
בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration 5. courrier électronique/e-mail.

לכּבֿוד[1] ראָש־השנה[2] און יום־כּיפּור[3] האָט דער פֿאָרווערטס געדרוקט אַ שילדערונג פֿון די הייליקע טעג אין טושין (אַ שטעטל אין פּוילן) פֿונעם באַרימטן שרײַבער י.י. טרונק. דער טעקסט רעדט וועגן ייִדן וואָס האָבן געלעבט אויפֿן דאָרף, ווײַט פֿון ייִדישע שטעט און שטעטלעך. מע האָט זיי גערופֿן ייִשובֿניקעס[4] (וואָס באַטײַט „די וואָס האָבן זיך באַזעצט[5]"), אָדער דאָרפֿסלײַט אָדער דאָרפֿסייִדן. איין מאָל אַ יאָר פֿלעגן אָט־די ייִדן פֿאָרן אין שטאָט צו פּראַווען[6] די יום־טובֿים[7].

# פֿאַרוואָרפֿענע[8] ייִדישע ייִשובֿניקעס פֿאָרן האַלטן די הייליקע טעג

פֿון י.י. טרונק

יעדן ראָש־השנה און יום־כּיפּור צײַט, האָבן די ייִדן אײַנגעשפּאַנט זייערע פֿורן[9], דאָרט אַרויפֿגעלייגט קישנס און פּערענעס[10], צו קענען שלאָפֿן אין דער פֿרעמד. זיי האָבן אויך אָנגעפֿילט די פֿורן מיט אויבסטן[11], מילכיקס און ווײַסע כּפּרה־עופֿות[12] און אַפֿילו פֿעסלעך מיט לעבעדיקע פֿיש. זיי האָבן פֿאַרשלאָסן זייערע הײַזקעס[13] און די שליסל אָפּגעגעבן צו באַקאַנטע פּויערים, און זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער גאַנצער משפּחה, מיט ווײַב און קינד, אויף ימים־נוראים[14] אין שטעטל טושין. די יונגע ייִדישע זין און טעכטער, וואָס זײַנען במשך[15] דעם גאַנצן יאָר אויפֿגעצויגן געוואָרן צווישן גויים, האָבן טייל מאָל כּמעט[16] ס'ערשטע מאָל געזען ייִדן פֿאַר די אויגן. ייִדן, קיין עין־הרע[17], אַ שטאָט מיט ייִדן ! און וואָסערע ייִדן ! ייִדן אין כאַלאַטלעך[18], אין פּאות[19] און אין גאַרטלען[20]. ייִדן חסידים[21], וואָס האָבן שמועסנדיק געמאַכט שטאַרק מיט די הענט[22] און צײַטנווײַז אַפֿילו זיך קעגנזײַטיק[23] אָנגעהאַלטן פֿאַר די בערד.

זיי האָבן געזען דעם טושינער רבֿ[24], אַ ייִד מיט ווילדע, צעלאָזענע פּאות, דעם שוחט[25] און דעם מורה־הוראה[26]. [...] די פֿורן מיט די דאָרפֿסלײַט זײַנען ס'רובֿ[27] שטיין געבליבן נישט ווײַט פֿון בית־מדרש[28] און פֿון דער מקווה[29]. פֿון די אָפֿענע בית־מדרש־פֿענצטער האָט זיך געהערט דאָס זינג־זאַנג־קול[30] פֿון לערנען אָדער דאַווענען. די פּראָסטע ייִדן זײַנען אַראָפּגעשטיגן פֿון די פֿורן, אויסגעשפּאַנט די פּויערישע פֿערד, אַרײַנגעגאַנגען אין הייליקן בית־מדרש אַ קוש טאָן די גרויסע, פּאַרמעטענע[31] מזוזות[32].

די דאָרפֿסייִדן, אין זייערע גראָבע שטיוואַליעס[33], זײַנען שטיין געבליבן בײַ דער טיר און מיט פֿרעמדלעכן דרך־ארץ[34] געקוקט ווי ייִדן זיצן בײַ לאַנגע טישן, בײַ אויפֿגעמישטע[35] גמרות[36], דרייען זיך אַרום איבערן בית־מדרש, דאַווענען און שאָקלען זיך צווישן די אַלמערס[37] מיט ספֿרים[38]. זיי האָט זיך אויסגעדוכט[39], די פּראָסטע ייִדן, אַז פּונקט אַזוי קוקט עס אויס אין הימל ראָש־השנה און יום־כּיפּור. די דאָרפֿישע אויערן האָבן פֿאַרנומען[40] די אומעטיקע ניגונים[41] פֿון תּורה־לערנען[42]. די פּראָסטע ווײַבער און די קינדער זײַנען נישט־דרייסטע[43] געבליבן זיצן אויף די פֿורן צווישן דעם בעטגעוואַנט, צווישן די אויבסטן און די עופֿות, און מיט אָפֿענע, פּויערישע אויגן געקוקט אויף דעם ייִדישן יריד[44] אין שטעטל.

דעם 21סטן סעפּטעמבער 2001



▲ י. י. טרונק, (1961 -1887) אויטאָר פֿון „פּוילן", זיבן בענד באַשרײַבונגען פֿון ייִדישן לעבן אין פּוילן.

# אַן אַסיפֿה[1] פֿון ייִדישע גענעאַלאָגיסטן

דער אַשכּנזישער[2] מינהג[3] אָנצורופֿן קינדער נאָך פֿאַרשטאָרבענע קרובֿים[4] באַזירט זיך אויף אַ געצנדינערישן[5] איבערגלויבעניש[6] פֿון גערמאַנישע שבֿטים[7]. אין דעם יסוד[8] פֿון דעם מינהג ליגט דאָס גלייבן אין גילגול־הנפֿש[9]. ייִדן – אָנגעהויבן פֿון די מקובלים[10] – האָבן איבערגענומען די דאָזיקע טראַדיציע אין דער צײַט פֿון די קרייצצוגן[11]. בײַ די ספֿרדים[12] האָט עס זיך געפֿירט אַנדערש : נאָך איצט איז מעגלעך צו געבן די קינדער נעמען פֿון לעבעדיקע זיידעס און באָבעס.

וועגן דעם און נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן האָט מען גערעדט בעת דער 21סטער אינטערנאַציאָנאַלער ייִדישער גענעאַלאָגישער קאָנפֿערענץ, וואָס איז הײַיאָר דורכגעפֿירט געוואָרן אין ענגלאַנד. אין דער אַסיפֿה האָבן זיך באַטייליקט אַן ערך[13] 800 מענטשן פֿון גרויס־בריטאַניע, מיזרח[14]־ און מערבֿ[15]־איראָפּע, צפֿון[16]־ און דרום[17]־אַמעריקע.

דעם 24סטן אויגוסט 2001

1. ASIFE assemblée/assembly 2. ASHKENAZISHER 3. MINHEG coutume/custom 4. KROYVIM parents/relatives 5. païen/pagan 6. superstition 7. SHVOTIM tribus/tribes 8. YESOD base/basis 9. GILGL-HANEFESH réincarnation 10. MEKUBOLIM cabalistes/kabalists 11. croisades/crusades 12. SFARDIM Sépharades/Sefardic 13. ...EREKH approximativement/about 14. MIZREKH est/east 15. MAYREV ouest/west 16. TSOFN nord/north 17. DOREM sud/south.



1. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 2. ROSHESHONE Rosh Hashana - nouvel an juif/Jewish New Year 3. YOMKIPER Yom Kippour (le Grand Pardon)/Yom Kippur ( Day of Atonement) 4. YISHUVNIKES 5. établis/settled 6. célébrer/celebrate 7. YONTOYVIM fêtes/holidays 8. lointains/remote 9. charrettes/wagons 10. édredons/featherbeds 11. פּרוכטן 12. KAPORE-OYFES volaille pour sacrifice expiatoire/poultry used for ritual sacrifice 13. קליינע הײַזער 14. YOMIM-NEROIM les Jours Redoutables/Days of Awe (די 10 טעג צווישן ראָש־השנה און יום־כּיפּור) 15. BEMESHEKH durant/during 16.KIMAT presque/nearly 17. KEYN EYN(H)ORE/KEYN AYEN HORE qu'on nous préserve du mauvais oeil!/no evil eye! 18. longs manteaux/long coats 19. PEYES papillottes/sidecurls 20. ceintures/belts (די דרײַ זאַכן זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פֿרומע ייִדן) 21. KHSIDIM juifs hassidiques/Hasidic Jews 22. gesticulaient/gesticulated 23. réciproquement/each other, mutually 24. ...ROV le rabbin de Tushin/the rabbi of Tushin 25. SHOYKHET abatteur rituel/ritual slaughterer 26. MOYRE-HOYROE rabbin ou juge rabbinique/rabbi or rabbinic judge 27. SROV la plupart/most 28. BESMEDRESH synagogue 29. MIKVE bain rituel/ritual bath 30. ... KOL psalmodies/singsong sound 31. en parchemin/parchment 32. MEZUZES mezuzot 33. bottes/boots 34. DEREKH-ERETS respect 35. ouverts/opened 36. GEMORES livres du Talmud/books of the Talmud 37. armoires/closets 38. SFORIM livres saints/holy books 39. il leur semblait (à ces gens simples)/it seemed to them (to the simple folk) 40. *ici* entendu/*here* heard 41. NIGUNIM mélodies 42. TOYRE... étude de la Torah/Torah study 43. intimidés/timidly 44. YARID foire *ici* remue-ménage/fair *here* bustle, to-do.

[סוף פֿון זײַט 1]

טריר"[10], פֿון 10טן ביז 12טן סעפּטעמבער. דאָס איז געווען דער 4טער „סימפּאָזיום פֿון ייִדיש־שטודיעס אין דײַטשלאַנד", וואָס ווערט אָרגאַניזירט בשותּפֿות[11] פֿון די אוניווערסיטעטן פֿון טריר און דיסעלדאָרף. די הויפּטטעמע, ווי געוויינטלעך אין טריר, איז געווען אַלט־ייִדיש, אָבער מען האָט אויך גערעדט וועגן דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך. אַ גרופּע ייִדיש־סטודענטן האָבן צוגעגרייט אַ פּיעסע אין אַלט־ייִדיש וועגן אליה בחור[12], נאָר צוליב[13] די אַטענטאַטן פֿון 11טן סעפּטעמבער האָט מען זי ניט אויפֿגעפֿירט[14].

אַז מע רעדט שוין וועגן צוזאַמענפֿאָרן[15], דאַרף מען דערמאָנען דעם ערשטן „אַלוועלטלעכן ליטוואַקישן קאָנגרעס", וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אויגוסט אין ווילנע – דער אַמאָליקער „ירושלים דליטא"[16]. די 300 אָנטייל־נעמער[17], וואָס אַ סך פֿון זיי געדענקען נאָך ווילנע פֿון פֿאַר דער מלחמה[18], האָבן זיך באַטייליקט[19] אין אַ ריי דיסקוסיעס, געהערט ייִדישע מוזיק און באַזוכט פֿאַרשיידענע ערטער פֿאַרבונדענע מיטן ייִדישן לעבן אין ליטע. זיי האָבן זיך אויך געטראָפֿן מיט די סטודענטן פֿונעם ייִדיש־זומערקורס, וואָס איז פּונקט דעמאָלט געהאַלטן געוואָרן אין ווילנע.

10. Trèves/Trier 11. BEShUTFES en commun/jointly 12. ELYE BOKhER (1468?-1549) écrivain et philologue yiddish Elie Lévita/yiddish writer and philologist Elijah Levita 13. à cause de/because of 14. présenté/(didn't) present 15. rencontres/reunions 16. YERUShOLAIM DELITE Jérusalem de Lituanie/Jerusalem of Lithuania 17. participants 18. MILKhOME guerre/war 19. participé/participated.

[סוף פֿון זײַט 5]

אַז איר שכנטע[36], וואָס קלײַבט זיך[37] פֿאָרן קיין ישׂראל, וועט געפֿינען אַ בעסער לעבן דאָרט, אָדער אַז דער טויטער ים איז שענער פֿונעם שוואַרצן. אַלע דרײַ העלדן זענען אָבער פֿאַרבענקט[38] : אסתּר נאָך אַן אויסלייזונג[39], נאָך משיחן[40], וואַלערי נאָך זײַן מאַמען און טאַניע נאָך סטאַלינען און דעם אַמאָליקן ראַטן־פֿאַרבאַנד. די שטאָט אַליין זעט אויס פֿאַרבענקט און פֿאַרחלומט[41] – נאָך דער אַמאָליקער גרויסקייט, וואָס וועט זיך שוין ניט אומקערן.

בײַם סוף פֿירט אונדז דער פֿילם ווידער אַרויס פֿון דער שטאָט און אַראָפּ צום ים. מיר פֿאָרן צוריק צו אונדזער וועלט און לאָזן איבער דעם דאָזיקן עולם־הדמיון[42] ווו אַיעדער[43] ייִד איז אַ שטיקל אַקטיאָר און אַיעדע געשעעניש אַ שטיקל פֿאַנטאַזיע.

36. ShOKhNTE voisine/neighbor (*fem.*) 37. se prépare/is getting ready 38. פֿאַרבענקט זײַן נאָך se languir de/to yearn for 39. rédemption 40. MEShIEKhN le Messie/Messiah 41. FARKhOLEMT plongé dans ses rêves/in a dream 42. monde imaginaire/imaginary world 43. chaque/each *syn.* יעדער.

[סוף פֿון זײַט 2]

באָך די רעפֿעראַטן (יעדעס מאָל באַגלייט פֿון גאָר לעבעדיקע דיסקוסיעס) האָט מען יעדן טאָג געזען פּראָיעקציעס פֿון אינטערוויוען מיט ייִדישע שרײַבער, דורכגעפֿירט פֿון באָריס סאַנדלער, אַ שרײַבער און הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס". אַחוץ[22] וועגן דעם לערנען גופֿא[23] האָט מען אויך גערעדט וועגן אַנדערע אַקטיוויטעטן וואָס האָבן אַ שײַכות[24] מיט ייִדיש : די טעאַטער־וואַרשטאַטן[25] פֿון רפֿאל[26] גאָלדוואַסער פֿונעם שטראַסבורגער „לופֿטטעאַטער", און וועגן דעם טעאַטער „ייִדיש־שפּיל" פֿון תּל־אָבֿיבֿ[27], פֿאָרגעשטעלט פֿון שמואל עצמון[28]. אַן אמתער[29] פֿאַרגעניגן איז אויך געווען צו הערן אַ טאַשמע[30] מיט וועלט־שלאַגערס[31] (ווי צום בײַשפּיל „מײַן האַרץ געהערט צום טאַטן" !) פֿאַרטײַטשט אויף ייִדיש פֿונעם שוועדישן איבערזעצער שלמה[32] שולמאַן.

באָך די פֿינף גאָר אינטענסיווע טעג האָט מען זיך צעשיידט[33] מיט אַ געפֿיל אַז מע האָט עפּעס אויפֿגעטאָן[34]. צווישן אַנדערע האָט מען באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ וועבזײַטל[35] מיט אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם ייִדיש־לימוד אין פֿאַרשיידענע לענדער. מע קען האָפֿן אַז אויף דער קומענדיקער טרעפֿונג וועט מען פֿאַרבעטן ייִדיש־לערער פֿון אַנדערע לענדער, אויך מחוץ[36] דעם אייראָפּעיִשן פֿאַראיין[37].

22. AKhUTS en outre/aside from 23. GUFE en soi/itself 24. ShAYKhES rapport/relation 25. ateliers/workshops 26. REFOEL Raphaël 27. Tel-Aviv 28. Shmuel Atsmon 29. EMESER véritable/real 30. bande (enregistrée)/tape (recording) 31. «tubes»/«hits» 32. ShLOYME 33. s'est séparé/parted, said goodbye 34. accompli/accomplished 35. site internet/website 36. MEKhUTS en dehors de/outside of 37. Union européenne/European Union.

# ענטפֿערס אויפֿן שפּיל פֿון ז' 5

## לויטן סדר פֿונעם אַלף־בית, מיט קורצע דערקלערונגען פֿאַר יעדן שרײַבער

**ש. אַנ־סקי** (Sh. An-ski) 1920–1863 : באַרימט פֿאַר זײַן פּיעסע *דער דיבוק* ; אויטאָר פֿון אַ סך אַנדערע ווערק, פּראָזע און פּאָעזיע

**שלום אַש** (Sholem Ash) 1957–1880 : ראָמאַניסט און דראַמאַטורג

**שלמה ביקל** (Shloyme Bikl) 1896–1969 : עסייִסט און קריטיקער

**לילי בערגער** (Lili Berger) 1916–1996 : אויטאָרין פֿון ראָמאַנען, נאָוועלן און ליטעראַטור־קריטיק

**י. י. טרונק** (Y. Y. Trunk) 1961–1887 : פּאָעט און ליטעראַטור־היסטאָריקער, באַשרײַבער פֿון ייִדישן לעבן אין פּוילן

**מיכל ליכט** (Mikhl Likht) 1953–1893 : פּאָעט און עסייִסט

**גרשון לעווין** (Gershn Levin) 1868–1939 : נאָוועליסט, פּאָעט און דראַמאַטורג

**מענדל מאַן** (Mendl Man) 1975–1916 : ראָמאַניסט, פּאָעט און מאָלער

**יודל מאַרק** (Yudl Mark) 1975–1897 : לערער און פֿילאָלאָג

**שמואל ניגער** (Shmuel Niger) 1883–1955 : ליטעראַטור־קריטיקער

**שלמה עטינגער** (Shloyme Etinger) 1856–1801 : איינער פֿון די פּיאָנערן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור

**לעאָ קעניג** (Leo Kenig) 1970–1889 : זשורנאַליסט און קונסט־קריטיקער

**אַבֿרהם רייזען** (Avrom Reyzen) 1876–1953 : אויטאָר פֿון לידער און דערציילונגען

**חנה שליט** (Khane Shalit) 1991–1914 : דיכטערין

**יחיאל שטערן** (Yekhiel Shtern) 1903–1981 : פּאָעט

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַניק, בערטראַן, גאָלדע, זשיל, יצחק, מרים, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי.

AEDCY
DER YIDISHER TAMTAM
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tél. : 01 42 71 30 07

מעדעם־ביבליאָטעק
BIBLIOTHÈQUE MEDEM
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
Tél. : 01 48 03 20 17
medem@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com